פּרובירן יעדנס אַרבעט, פון וואָס פאַר אַ מין זי איז.
14 וועט עמיצנס אַרבעט, וואָס ער האָט דערויף געבויט,
15 בלייבן (שטיין), וועט ער באַקומען אַ שכר. וועט
עמיצנס אַרבעט פאַרברענט ווערן, וועט ער ליידן
שאָדן; אַליין אָבער וועט ער ניצול ווערן; דאָך
ווי דורך פייער.
16 צי ווייסט איר (דען) נישט, אַז איר זענט ג־טס
היכל, און אַז דער גייסט פון ג־ט וואוינט אין אייך?
17 אויב עמיצער צעשטערט ג־טס היכל, וועט ג־ט אים
צעשטערן; ווייל ג־טס היכל איז הייליק, און איר
זענט עס.
18 זאָל זיך קיינער נישט באַטריגן. אויב עמיצער
צווישן אייך מיינט, אַז ער איז אַ חכם אין דער
וועלט, זאָל ער ווערן צו נאַר, כדי ער זאָל ווערן
19 קלוג. וואָרום די חכמה פון דער דאָזיקער וועלט
20 איז טפּשות בײַ ג־ט; ווייל עס שטייט געשריבן: ער
פאַנגט די חכמים אין זייער כיטרעקייט; (איוב ה׳, יג׳) און
ווידער: דער האַר ווייסט די מחשבות פון די חכמים,
21 אַז זיי זענען פּוסט. (תהלים צד׳, יא׳) זאָל זיך דערפאַר
קיינער נישט באַרימען מיט מענטשן. וואָרום אַלץ
22 איז אייערס, צי פּוילוס, צי אַפּאָלאָס, צי כיפא, צי
די וועלט, צי דאָס לעבן, צי דער טויט, צי דאָס
23 קעגנוווערטיקע, צי דאָס צוקונפטיקע: אַלץ געהערט
צו אייך, און איר צום משיח, און דער משיח צו ג־ט.

## קאַפּיטל פיר

1 אַזוי זשע זאָל אונדז (יעדער) מענטש באַטראַכטן,
ווי משרתים פונם משיח און ווי פאַרוואַלטער פון
2 די סודות פון ג־ט. דאָ איבעריקנס ווערט פאַרלאַנגט
בײַ פאַרוואַלטער, אַז יעדער איינער זאָל געפונען